# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:02
מוצאי יו"ט........................9:35

**שיעורים כסדרן (א׳ דשבועות)**
נ"ך...................יחזקאל ט"ז-י"ז
בבלי....................שבועות ל"ב
ירושלמי...............יבמות ס"א
תוספתא.............בבא קמא ה׳
רמב"ם................חובל ומזיק ז׳


יום טוב שבועות, שנת תשפ"ה לפ"ק — שנה 14, גליון 36 (704)


## אַ וָוארְט אוֹיף יוֹם טוֹב

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: פַארְוָואס עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת? וַוייל יֶעדֶע עֶסְן וָואס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט נִיצְן, מֶען וַוארְפְט דָאס אַוֶועק, חוּץ מִילְךְ; וָואס אֲפִילוּ אַז עֶס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען דָאס נָאךְ נוּצְן, מֶען קֶען מַאכְן דֶערְפוּן קֶעז; דֶערְפַאר עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת, וַוייל מֶען ווִיל וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ: אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיסְט פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן, דָאךְ קֶענְסְטוּ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ וָואס מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק נָאר מֶען מַאכְט דֶערְפוּן פֵיינֶע קֶעז.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יִאוּשׁ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!", זָאגְט ר׳ נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג): דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן בְּקוֹל גָּדוֹל: "גִּיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען"; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי יִאוּשׁ, נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְתַקֵן זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: "גֶעבּ זִיךְ אוּנְטֶער!" עֶר ווִיל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּיי זִיךְ אָפְּמַאכְן אֵיין מָאל פַאר אַלֶעמָאל אוּן זָאגְן: "אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן!" יֶעדֶעס מָאל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת אִיז זַיין כַּוָּונָה נָאר מַחְלִישׁ דַעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ פְּרָאבִּירְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ; דָאס וַוייזְט אוּנְז דֶער מִנְהָג פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס: "פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען קֶעז", דָאס הֵייסְט: "פוּן אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר: "שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הֵייבּ זִיךְ אוֹיף!" אוּן זֵיי נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט בַּיי דִיר. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה - דָאס הֵייסְט, עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: רֶעכְן אִיךְ כְּאִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶערְפַאר, יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעכֶענֶען כְּאִילוּ דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ׳ בַּמִּדְבָּר תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין זוֹכֶה אַרַיין צוּ גֵיין אִינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה; דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף מֶען פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען דַארְף זִיךְ גֶעזֶעגְנֶען בַּאנֵייעֶן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

### מִילְכִיגְס

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַ שֵׁיינֶע טַעַם פַארְוָואס מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעְלָה", וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן פוּן דָאסְנֵיי, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ; דֶערִיבֶּער וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס, כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען וִוי נֵיי גֶעבּוֹירְן; אַ קְלֵיין קִינְד עֶסְט דָאךְ נָאר מִילְךְ, דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס צוּ וַוייזְן אַז מִיר זֶענֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, מִיר הֵייבְּן אָן פוּן דָאסְנֵיי זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: מֶען זֶעט אַז דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְן אוֹת 'ב' וָואס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

### דְרֵיי עֶקִיגֶע קְרֶעפְּלֶעךְ

קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער נִישְׁט; דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא צִי נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צְוֵויי זַאכְן:

אֵיינְס, גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת.

צְוֵויי, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל", וָואס דַארְף אַ אִיד טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? נָאר דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ"ג)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשׂא, עֶרֶב שָׁבוּעוֹת, ה' סִיוָן,
מ"ט לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' אַז מִיר זֶענֶען אִידְן. אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן בַּיי מַתַּן תּוֹרָה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, "אָנֹכִי ה' אֱלוֹקֶיךָ", הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר זֶענֶען פוּן דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פָאלְק.

בְּרֶענְג אַרַיין אִין שְׁטוּב בְּלוּמֶעלֶעךְ אוּן בְּלֶעטֶעלֶעךְ. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין בַּיימֶער אִין שוּל אוּן אִין שְׁטוּב צוּ וַוייזְן אַז אוֹיבּ מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה דַארְף מֶען גֵיין אִין פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי בַּיימֶער שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל לֶערְנֶען, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען".

הַיינְט בַּיינַאכְט, שָׁבוּעוֹת אוֹיף דֶער נַאכְט - אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ אוֹיפְבְּלַייבְּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק אוּן דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה, סַיי פוּן תּוֹרָה, סַיי פוּן נְבִיאִים אוּן סַיי פוּן כְּתוּבִים, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט צַייט - זָאל מֶען גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר גֵייט מֶען אִין מִקְוֶה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נו, אוֹת ז), זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין מִקְוֶה שָׁבוּעוֹת פַארְטָאגְס, פַארְן עֲלוֹת - אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ אִיז דָאס 'שַׁעַר נ', חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט - דִי צַייט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ חִילוּל יוֹם טוֹב, רֵייכֶערְן צִיגַארֶעטְלֶעךְ, וַוייל דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי חַג הַשָּׁבוּעוֹת, דְּרוּשׁ א): "וְכָל מִי שֶׁלֹּא יָשַׁן בַּלַּיְלָה הַזֶּה כְּלָל, אֲפִילוּ רֶגַע אֶחָד", וֶוער עֶס דְרִימְלְט נִישְׁט דִי נַאכְט פַאר קַיין אֵיין רֶגַע נִישְׁט, "וִיהִי' עוֹסֵק בַּתּוֹרָה כָּל הַלַּיְלָה", אוּן עֶר וֶועט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "מוּבְטָח לוֹ שֶׁיַּשְׁלִים שְׁנָתוֹ", קֶען זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט אוֹיסְלֶעבְן דִי יָאר, "וְלֹא יֶאֱרַע לוֹ שׁוּם נֶזֶק בַּשָּׁנָה הַהִיא", אוּן עֶס וֶועט אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים פַלַאגִ'י זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (מוֹעֵד לְכָל חַי סִימָן ח', אוֹת טז), מֶען אִיז זוֹכֶה: "לְבָנִים וּבְנֵי בָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וְעוֹשֶׂה תִּיקּוּן לַשְּׁכִינָה, וּמְתַקֵּן מַה שֶׁפָּגַם בְּעֵינָיו".

בְּנוֹגֵעַ דַאוֶונֶען יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָתִיקִין; דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר דַאוֶוען אִיךְ נִישְׁט וָתִיקִין, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, אוּן דֶערְפַאר וָואס מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מִיט הַאלְטְן, אִיז מִיר עֶנְדֶערְשׁ צוּ דַאוֶונֶען שְׁפֶּעטֶער. אָבֶּער דוּ פַאר דִיר, זָאלְסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג פַאר דִיר. אוֹיךְ אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס דַאוֶונֶען וָתִיקִין, מֶען מַאכְט אַ מִנְיָן פַארְטָאגְס, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוער עֶס וִויל דַאוֶונֶען - קֶען דַאוֶונֶען שְׁפֶּעטֶער.

**אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה נָשׂא תשפ"ה)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

לֶערְנֶען. עֶס אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ שָׁבוּעוֹת, עֶס אִיז גֶעמַאכְט מִיט דְרֵיי עֶקְן; דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע שִׁיךְ, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַ שׁוּךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ שׁוּךְ, דָאךְ פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם דְרֵיי עֶקִיגְן שׁוּךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, וִוי זִיס אִיז מַיין שִׁיךְ, וִוי הָאנִיגְדִיג אִיז מַיין שִׁיךְ, וָואסְפַאַרָא צוּקֶערְדִיגֶע שִׁיךְ, אַ וואוּילֶע שִׁיךְ", זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַזוֹי, פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס אַסַאךְ מֶער גֶעלְט וִוי דוּ נֶעמְסְט פַאר דַיין שִׁיךְ?" פְלֶעגְט דֶער תָּם אִיר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, לָאמִיר זֶען וויפִיל אִיךְ פַארְדִין מִיַּד לְיַד".

דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר שָׁבוּעוֹת דְרֵיי עֶקִיגֶע קְרֶעפְּלֶעךְ, צוּ גֶעדֶענְקֶען, אַז אֲפִילוּ אוּנְזֶער דַאוֶונֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאל מֶען זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם, אוּן אַז דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְן מִיר זָאגְן דִי אַלֶע לְשׁוֹנוֹת וָואס דֶער תָּם הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעזִינְגֶען צוּ זַיין שִׁיכֶלֶע; וַוייל דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן: "אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁלֵימוּת".

## תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ אוֹיף בְּלַייבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט; עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַקְדָּמָה ח.) אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אוֹיפְגֶעוֶוען שָׁבוּעוֹת אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים - פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זֵיי מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

מִיר בְּלַייבְּן אוֹיךְ אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צוּ זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת; מֶען זָאגְט דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֶדְרָה פוּן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת. דָאס אִיז דֶער עִיקַר תִּיקּוּן, דִי אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע פְּסוּקִים דָאס הָאט מֶען צוּגֶעלֵייגְט, אָבֶּער דֶער עִיקַר תִּיקּוּן אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק; אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן, דֶערְפַאר גֵייט מֶען שְׁלָאפְן וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זָאגְן דֶעם גְרוֹיסְן תִּיקּוּן.

## נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים; שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיינַאכְט, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט; מֶען קֶען פוֹעֶלְ'ן אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת; דִי אַלֶע וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף סְתַּם צוּ רֵייכֶערְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקּוּן אַז זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן. אָדֶער לֶערְנְט מֶען אָדֶער אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן זַיין דָבוּק אִין אִים.

## מִקְוֶה פַארְ'ן עֲלוֹת

פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נו): "הַמִּקְוֶה שֶׁל שָׁבוּעוֹת הִיא מִקְוֶה שֶׁל שַׁעַר נ', שֶׁהוּא שַׁעַר הָעֶלְיוֹן מֵחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי בִּינָה, שֶׁהוּא שֵׂכֶל וְדַעַת עֶלְיוֹן, חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים", וֶוען מֶען טוֹבְלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז מֶען זוֹכֶה מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר, נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶעם 'תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת' זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבְלְ'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס מֵיינְט 'שַׁעַר הַחֲמִישִּׁים' אוּן דוּ וֵוייסְט גָארנִישְׁט וְכוּ'. דֶער תִּיקּוּן גֶעשֶׁעט פוּן זִיךְ אַלֵיין, צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט יָא צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דוּ גֵיי אִין מִקְוֶה 'עַל דַּעַת כָּל הַצַּדִּיקִים, וְעַל דַּעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב וְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים'.

## שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי

דֶער עִיקַר זָאלְסְטוּ טַאנְצְן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב; פְרֵיי דִיר שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ פְּלִיאָה) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה' אֱלֹהֶיךָ", הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי!" אַלֶע פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער קֶשֶׁר אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא; וֶוען

>>>>>>

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי"; אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז מֶען אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ, "אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס דוּ ווִילְסְט נָאר זָאגְן אוֹיף מִיר קֶענְסְטוּ זָאגְן, אָבֶער אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, בַּמִּדְבָּר תשע"ח)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רז)

### תרצט

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, בֵּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה כ"ד:) "אַבָּא שָׁאוּל אוֹמֵר קוֹבֵר מֵתִים הָיִיתִי", דִי תּוֹרָה אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן נ"ה).

עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דוּרְךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעמָאלְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶּכֶת נִדָּה, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן עַיִן הָרָע, אוּן עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל "אַבָּא שָׁאוּל אוֹמֵר", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט עַיִן הָרָע, גֶענִיצְט עֶר?", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן.

אוּן נָאכְדֶעם בֵּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה, וָואס רֶעדְט פוּן "רַע עַיִן", אוּן עֶס רֶעדְט זִיךְ אוֹיךְ פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, פוּן פָּרָה אֲדוּמָה, זֶע אִין דִי תּוֹרָה אִינֶעוֵוייניג.

### תש

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן פוּן זַאסְלַאב צוּם שְׁטָאט בְּרָאדִי, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט, אִין דוּבְנָא אוּן נָאךְ.

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין שְׁטָאט רַאדְוִויל, זֶענֶען דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע וֶועגֶענֶער פוּן פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז דִי אַלֶע זֶענֶען זַיינֶע זִיווּגִים.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ שִׁידוּכִים, נָאר יֶעדֶע שִׁידוּךְ הָאט אַסַאךְ בְּחִינוֹת אוּן אַנְדֶערֶע ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן. דָאס אַלֵיין אַז מֶען רֶעדְט פוּן אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ וֶוען דֶער שִׁידוּךְ וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט צוּם סוֹף, דָאס אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַ סָארְט שִׁידוּךְ. עֶס קֶען אַמָאל זַיין אַז מֶענְטְשְׁן זִיצְן בֵּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוּן שְׁמוּעֶסְן אַז דֶער וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר יֶענֶעם, מֶען הָאט עֶס בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעטְרָאגְן אֲפִילוּ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַלֵיין אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעפִירְט דִי בְּחִינָה פוּן שִׁידוּךְ וָואס הָאט גֶעדַארְפְט וֶוערְן צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, אוּן צוּמָאל גֵייט עֶס וַוייטֶער אַז שַׁדְכָנִים טְרָאגְן טַאקֶע אָן דֶעם שִׁידוּךְ אָבֶער עֶס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט, דָאס אִיז שׁוֹין אַ שְׁטֶערְקֶערֶע סָארְט שִׁידוּךְ פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע. דֶערְנָאךְ אִיז דָא וָואס עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער, אַז מֶען פָּארְט שׁוֹין צוּם אַנְדֶערְן שְׁטָאט צוּ מַאכְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן לְמַעֲשֶׂה בַּיים וֶועלְן עֶנְדִיגְן דִי שִׁידוּךְ וֶוערְט עֶס אוֹיס צוּלִיב סַיי וֶועלְכֶע סִיבָּה, אוּן אַמָאל גֵייט עֶס נָאךְ וַוייטֶער אַז דֶער שִׁידוּךְ וֶוערְט יָא, אוּן נָאכְדֶעם לָאזְט מֶען אָפּ דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז דָא אַז מֶען הָאט טַאקֶע חֲתוּנָה אָבֶער מֶען גֶט זִיךְ גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אַמָאל וֶוערְט אַ גֶט אִין אַ שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע צַייט, אַזוֹי אִיז דָא גָאר אַסַאךְ בְּחִינוֹת אוּן עִנְיָנִים בֵּיי שִׁידוּכִים אוּן זִיווּגִים, וָואס כָאטְשׁ זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט צוּם סוֹף, אִיז עֶס אָבֶער בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ סָארְט שִׁידוּךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן, אָבֶער דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע אֱמֶת'עֶ שִׁידוּכִים.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ שִׁידוּכִים, טֵייל וֶוערְן גֶעעֶנְדִיגְט בְּלוֹיז פוּן דֶעם וָואס אֵיינֶער הָאט פָּשׁוּט גֶעזָאגְט אַז דֶער שִׁידוּךְ וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין גוּט, טֵייל הָאט מֶען גֶעדַארְפְט רֶעדְן אַבִּיסְל מֶער פוּן דֶעם, אוּן טֵייל הָאבְּן שׁוֹין גֶעדַארְפְט אוֹיךְ פָּארְן אָדֶער טוּן נָאךְ זַאכְן פַאר דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן טֵייל הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס צוּזַאמְשְׁטֶעלְן אַז דֶער שִׁידוּךְ זָאלְן וֶוערְן

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## פָּטוּר וֶוערְן פוּן שׁוּלְד גֶעפִילְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי דִי שׁוּלְד גֶעפִילְן פוּן מַיין עָבַר לָאזְן מִיר נִישְׁט אָפּ, עֶס מַאכְט מִיר אַזוֹיפִיל צַעַר אוּן וֵוייטָאג אוּן שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר אִין לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר דֶערְפוּן?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, מ"ב לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ אוּן מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ; מֶען דַארְף נִישְׁט אַרַיין גְרִיבְּלֶען אִין אַלְטֶע זַאכְן וְכוּ'.

חַזֶר'ט אַייךְ אַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בֵּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶער בֵּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה", מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָּרוֹן, אָבֶער עֶס אִיז פַארְקֶערְט, עֶס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, דָאס וָואלְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק וֶועסְטוּ וֶוערְן צֶעדְרוּקְט אוּן זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען רוּקְן פָארְאוֹיס אִין לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה י:): "כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי, אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר", אִיבֶּערָאל וואוּ עֶס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט 'וַיְהִי'– 'עֶס אִיז גֶעוֶוען', אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן צַעַר, אוּן וואוּ עֶס שְׁטֵייט "וְהָיָה" - עֶס וֶועט זַיין, "אֶלָּא לָשׁוֹן שִׂמְחָה", אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט רוּקְן אִין לֶעבְּן נָאר אַז מֶען קוּקְט וָואס וֶועט זַיין, עֶס וֶועט זַיין גוּט, אוּן אַז מֶען קוּקְט אוֹיף צוּרִיק - בְּרֶענְגְט דָאס נָאר צַעַר, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט מוֹהֲרָא"ש אִיז דֶער לֵייבּ דֶער קֶענִיג אוֹיף דִי חַיּוֹת וַוייל דָאס אִיז זַיין נַאטוּר, עֶר דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, ווִידֶער דֶער פוּקְס אִיז טַאקֶע אַ קְלוּגֶע חַיָּ', עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער פוּקְס אִיז זֵייעֶר קְלוּג אוּן גֶערִיבְּן, קְלוּגֶער פוּנֶעם לֵייבּ, אָבֶער זַיין נַאטוּר אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּ קוּקְן, אַזוֹי קֶען נִישְׁט זַיין אַ קֶענִיג, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, דֶער וָואס קוּקְט צוּרִיק - דֶער קֶען נִישְׁט זַיין קַיין קֶענִיג, עֶר קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט, וַוייל אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבַּר תשפ"ה)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

אוֹיסְגֶעפִירְט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע און וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, אַז בְּלוֹיז מִיט דֶעם וָואס רֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ זָאל דָאס שׁוֹין עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן פַאר אַ שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (חֵלֶק ב׳, אוֹת חִיתּוּן, סִימָן ז׳) "הַשִּׁידוּךְ שֶׁדּוֹבְרִים, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ נִגְמָר הַשִּׁידוּךְ בְּעַצְמוֹ, גַּם זֶה מִן הַשָּׁמַיִם, וְהַשִּׁידוּךְ לְחוּד עוֹשֶׂה רוֹשֶׁם בּוֹ וּבָהּ", אַז מֶען רֶעדְט פוּן אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶער שִׁידוּךְ, אִיז דָאס אוֹיךְ פוּן הִימְל, אוּן דִי שִׁידוּךְ אַלֵיין מַאכְט אַ רוֹשֶׁם אוֹיף אִים אוּן אוֹיף אִיר.

**תשא**

שְׁפֶּעטֶער אִין וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶעטוּן אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט דֶערְקֶענֶען וֶוער עֶר אִיז, אוּן עֶס אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיט אִים נָאר ר׳ שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער, וָואס נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי"ן דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן פַאר קֵיינֶעם וֶוער עֶר אִיז.

זַיי זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט בְּרָאד, אוּן אָנְקוּמֶענְדִיג נָאנְט צוּם שְׁטָאט, אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען קֶעגְן זַיי, כָּאטְשׁ וָואס זַיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם רֶבִּי"ן, זַיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוְואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם זָאל אַרוֹיסְגֵיין וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם, אוּן פוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ הֶער דֶער קוֹל פוּן זֵייעֶרֶע גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן זֵייעֶרֶע תַּאֲווֹת, וִוי זֵיי גְלוּסְטְן אוּן שְׁרֵייעֶן גֶעלְט אוּן שְׁמוּץ", וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַסַאךְ קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן זֵייעֶרֶע תַּאֲווֹת.

**תשב**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין שְׁטָאט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאזוּכְן אִין הַייזֶער, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין כִּמְעַט אַלֶע הַייזֶער פוּן שְׁטָאט, בֵּיי יֶעדֶע הוֹיז הָאט עֶר גֶעהַאט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים אוּן סִיבּוֹת פַארְוָואס עֶר דַארְף דָארְט אַרַיינְגֵיין, אַזוֹי אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גְרִינְג גֶעוֶוען אַרַיינְצוּגֵיין אִין יֶעדֶע הוֹיז.

בֵּיי יֶעדֶע הוֹיז הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶערוּפְן מִיט אַן אַנְדֶערֶע נָאמֶען. בֵּיי אֵיין הוֹיז הָאט עֶר זִיךְ גֶערוּפְן "אַייזִיק", אוּן דֶער נָאמֶען אַייזִיק הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁטִיגְן אַלֶע אַנְדֶערֶע נֶעמֶען. אִין אַ שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִיז דִי נְסִיעָה קַיין בְּרָאד, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט "אוּן פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶערוּפְן אַייזִיק, אִיז גָאר אַן אַנְדֶער עִנְיָן".

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן ז"ע הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אַז אַייזִיק אִיז אַ צוּנָאמֶען צוּ יִצְחָק, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דָאס פַּחַד יִצְחָק, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז זַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ת"ג).

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# מען גייט מקבל זיין די תורה פונדאסניי

עס קומט דער הייליגער יום טוב שבועות, אידישע קינדער זענען זייער פרייליך מקבל צו זיין די תורה פון פריש, זיך באנייען מיט די הייליגע תורה, צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, און מקיים צו זיין אלעס וואס דער אייבערשטער הייסט אונז אין די הייליגע תורה.

א ספעציעלער שמחה איז ביי ברסלב'ע חסידים, וואס נעמען אן די עצות פון הייליגן רבי'ן און לעבן מיט דעם, וואס זיי האבן א וועג ווי אזוי צו לערנען די הייליגע תורה יעדן טאג. דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן, סימן ע"ו) אז מ'קען לערנען תורה בלויז מיט'ן זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו מ'פארשטייט נישט וואס מ'זאגט און אפילו מ'געדענקט נישט וואס מ'האט געלערנט.

ווען א מענטש מיינט אז ער קען נאר לערנען תורה אויב ער האט געהעריגע שיעור, א געהעריגע חברותא, ער פארשטייט קלאר יעדע זאך, דאן איז נישט מעגליך ער זאל קענען לערנען יעדן טאג פון יאר, ווייל ס'מאכט זיך כסדר צייטן וואס מ'קען נישט לערנען געהעריג, און אויב מ'איז אנגעוויזן אויף אזויפיל זאכן כדי צו קענען לערנען, גייט דורך א גרויס חלק פון יאר וואס מ'לערנט נישט.

אויך זענען דא מענטשן וואס פאר זיי איז בכלל שווער צו לערנען, זיי האבן נישט קיין גוטע קאפ און פארשטייען נישט קיין לערנען, אדער זענען זיי פאריאגט מיט די שווערע ארבעט צו ברענגען פרנסה, און קענען זיך נישט צוזאמנעמען צו לערנען אביסל תורה, און דערנאך זענען דא געוויסע וואס האבן יא צייט, יא א גוטע קאפ, אבער למעשה ווען זיי קוקן זיך ארום זעען זיי אז ס'גייט זיי דורך טעג וואכן און חדשים וואס זיי עפענען נישט קיין אידיש ספר.

אבער מיט'ן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען תורה, מ'נעמט א משניות און מ'הויבט אן זאגן די ווערטער, יעדער איינער לויט וויפיל ער קען, און דאס קען מען טון צו יעדע צייט אונטער סיי וועלכע אומשטענדען, און דאס ברענגט אריין אינעם מענטש א געוואלדיגע גלוסטעניש צו ווען לערנען נאך און נאך תורה.

און די זעלבע זאך איז מיט גמרא, שלחן ערוך, תהלים, חומש רש"י, און אלע חלקים פון די הייליגע תורה, יעדער לויט זיין געשמאק און געפיל, קען יעדער איינציגסטער איד זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה יעדן איינציגסטן טאג פון זיין לעבן.

ספעציעל די הלכה פון מעביר סדרה זיין, וואס מוהרא"ש האט אונז אריינגעבאקן אין אונז איינמאל און נאכאמאל איבער די וויכטיגקייט פון מעביר סדרה זיין יעדע וואך, מוהרא"ש זאגט אז א וואך וואס מען איז נישט מעביר סדרה וועט מען האבן יענע וואך עפעס א שאדן, אבער ליידער זענען דא פילע אידן וואס זענען נישט מעביר סדרה יעדע וואך, נישט יעדער האט די צייט און מעגליכקייט צו קענען מעביר סדרה זיין אום פרייטאג נאכמיטאג אזוי ווי דער אר"י הקדוש זאגט, און דעריבער איז מען בכלל נישט מעביר סדרה, דעריבער האט מוהרא"ש כסדר גע'חזר'ט אז מיר זאלן שוין אנהויבן פון זונטאג מעביר סדרה זיין, אזוי ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך, זונטאג איז מען מעביר סדרה ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, און אזוי ווייטער ביז מען איז זוכה צו ענדיגן די גאנצע פרשה ביז סוף וואך.

דערפאר איז יעצט גאר גרויס די שמחה אז מיר זענען זוכה פון פריש מקבל צו זיין די הייליגע תורה, און מיר נעמען זיך אלע פאר אז פון יעצט און ווייטער וועלן מיר יעדן טאג לערנען תורה, וואס דאס איז די שפייז פאר די נשמה, אזוי ווי ווען א מענטש עסט נישט שפירט ער נישט גוט, ער קען נישט טראכטן גראד, די זעלבע איז ווען די נשמה עסט נישט, מ'לערנט נישט קיין תורה, ווערט דער מענטש צערודערט, ער ווייסט נישט וואס פעלט אים, ער ווייסט נישט וואס נאגט אים, ער איז דעפרעסט און צעבראכן, און גארנישט מאכט אים פרייליך, ווען מ'איז אבער זוכה צו לערנען די הייליגע תורה, ווערט דער מענטש א פרייליכער געשמאקער צופרידענער מענטש, די תורה באגלייט אים אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דער ראש ישיבה שליט"א וועט אי"ה זיין אין קרית ברסלב ליבערטי אויף שבועות, די פילע חשובע איינוואוינער פון שטעטל זענען מקבל פנים די פילע געסט וואס קומען צו פארן אויף יום טוב.

**מתוקים מדבש ונופת צופים!**

## פארוואס פאל איך?

פונקט ווען איך וויל שוין זיין גוט און וואויל, דוקא דעמאלט פאל איך אראפ, פארוואס איז דאס אזוי?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 2, 20**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **מנחם שטיינבערג** הי"ו קרית ברסלב

**צו די אפשערן פון זיין זון יושע נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **שמואל בלעדי** הי"ו קרית ברסלב

**צו די אפשערן פון זיין זון שמעון נ"י למזל טוב**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >